בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה שליט"א, שבת קודש פרשת כי תשא, שנת תשפ"ב לפרט קטן, אין וויליאמסבורג יע"א, ביי סעודה שלישית.

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**1011 41 Street**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

נדפס ע״י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
181 Huschke Rd.
Liberty, NY 12747
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט״א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

## שבת קודש פרשת כי תשא, שנת תשפ"ב לפרט קטן, איז דער ראש ישיבה שליט"א געווען אין וויליאמסבורג יע"א. ביי סעודה שלישית האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערנט ספר הקדוש שיחות הר"ן סימן כח.

איידער דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן דעם שיעור האט מען געזינגען דעם ניגון: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ שׁוֹין אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

און דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן: מיר וועלן פארלערנען א שיינע שיחה פון רבי'ן, וואס יעדער דארף זען עס מקיים צו זיין. דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שנח): "מיט יעדע שיחה וואס איך שמועס מיט ענק קען מען זוכה זיין צו זיין אן ערליכער איד, נישט סתם אן ערליכער איד נאר אן ערליכער איד אזוי ווי איך מיין אן ערליכע איד". און רבי נתן זאגט (שם) אז דאס גייט אויך ארויף ווען מען לערנט די ספרים פון רבי'ן, די שיחות פון רבי'ן, אויב לערנט עס און מען וויל עס מקיים זיין, מען בעט דעם אייבערשטן עס צו קענען מקיים זיין, וועט מען אויך זוכה זיין צו זיין אן ערליכער איד אזוי ווי דער רבי זאגט.

זאגט דער הייליגער רבי:

"רָאוּי לָאָדָם, שֶׁיַּעֲבֹר וְיֵלֵךְ בְּזֶה הָעוֹלָם בְּכָל הַסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים, וְלִלְמֹד כֻּלָּם, כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה בְּכָל מָקוֹם", עס איז גוט פאר'ן מענטש דורך צו לערנען אלע הייליגע ספרים וואס זענען דא, כדי מען זאל קענען זאגן אז מען איז געווען אין יעדן פלאץ, "כְּמוֹ שֶׁנִּמְצָא הַשָּׂרִים הַגְּדוֹלִים, שֶׁהוֹלְכִים וְעוֹבְרִים בַּמְּדִינוֹת וּמוֹצִיאִים הוֹצָאוֹת רַבּוֹת עַל זֶה כְּדֵי שֶׁיּוּכַל אַחַר כֵּן לְהִתְפָּאֵר וְלוֹמַר שֶׁהָיָה בַּמְּדִינוֹת", אזוי ווי מען זעט ביי די גרויסע שרים וואס פארן ארום די גאנצע וועלט, זיי געבן אויס אויף דעם זייער אסאך

געלט, אלץ נאר כדי זיי זאלן זיך קענען נאכדעם בארימען פאר אלעמען וואו זיי זענען אלץ געווען, "כְּמוֹ שֶׁדֶּרֶךְ הַשָּׂרִים לְהִתְפָּאֵר וְלוֹמַר: 'הָיִיתִי בְּוַרְשָׁא' וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה", אזוי ווי די גרויסע שרים האלטן זיך גרויס "איך בין געווען אין ווארשא" און נאך.

## אונגארן, פוילן, וויען און עסטרייך

דאס קען מען זען היינטיגע צייטן אויך, מענטשן האבן ליב ארום צו פארן אין אלע מדינות, אין אונגארן, פוילן, וויען און עסטרייך וכו', כדי זיך קענען נאכדעם אויפטון וואו זיי זענען אלץ געווען.

"כְּמוֹ כֵן רָאוּי שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם בָּעוֹלָם הַזֶּה בְּכָל מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים שֶׁל הַתּוֹרָה, כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְהִתְפָּאֵר בָּעוֹלָם הַבָּא שֶׁהָיָה בְּכָל מָקוֹם, דְּהַיְנוּ בְּכָל הַסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים כַּנַּ"ל", דאס זעלבע דארף א מענטש לערנען אלע ספרים אז ער זאל זיך קענען בארימען אויף יענע וועלט אז ער האט אלעס געלערנט, ער איז געווען איבעראל.

## שטעט, גאסן און הייזער

ווען מען קומט ארויף אויבן אין הימל ווערט מען פרעגן דעם מענטש: "וואו ביסטו געווען?" דארט איז נישט אינטערעסאנט צי דו ביסט געווען אין ווארשע אדער אין וויען, דארט איז נאר חשוב פלעצער פון תורה; דארט קען מען זאגן: "איך בין געווען אין מדינת 'בבלי'", "איך בין געווען אין מדינת 'ירושלמי'"; און אויב דו ביסט נישט אנגעקומען צו גאנץ ירושלמי, זענען אבער דא שטעט, גאסן און הייזער, צום ביישפיל, "איך בין געווען אין א שטאט (מסכת ברכות) פון מדינת ירושלמי"; "איך בין געווען אין א גאס (איין בלאט), פונעם שטאט (מסכת ברכות) אין 'מדינת ירושלמי'"; "איך בין געווען אין א הויז (אפאר שורות), פונעם גאס (בלאט), פונעם שטאט (מסכת ברכות), פון 'מדינת ירושלמי'". אזוי וועט זיך יעדער קענען בארימען מיט זיינע שיעורים וואס ער האט

געלערנט אין יעדן ספר.

## געמאכט א באזוך יעדע חודש

ווי שיין וועט זיין ווען איינער וואס האט געלערנט די גאנצע תורה, וועט זיך קענען בארימען, "איך בין געווען אין חמשה חומשי תורה, נביאים וכתובים, ששה סדרי משנה, בבלי, ירושלמי, תוספתא, רמב"ם, טור, שלחן ערוך, אלע מדרשים און זוהר; אין תיקוני זוהר בין איך געווען גאר אסאך, דארט האב איך געמאכט א באזוך יעדע חודש, און אזוי ווייטער אויך אין כל ספרי רבינו וכו' וכו'", דאס איז זייער חשוב אויבן אין הימל.

## סדר דרך הלימוד

דא דערמאנט דער רבי דעם 'סדר דרך הלימוד'; א מענטש זאל נישט זאגן: "וואס האב איך צו לערנען, איך פארשטיי נישט קיין לערנען, איך פארגעס וואס איך לערן", אויף דעם זאגט דער רבי: "וּלֶעָתִיד, בָּעוֹלָם הַבָּא מַזְכִּירִין אוֹתוֹ כָּל מַה שֶׁלָּמַד בָּעוֹלָם הַזֶּה", אויף יענע וועלט דערמאנט מען פאר'ן מענטש אלעס וואס ער האט געלערנט אויף די וועלט. און די פוסקים (שלחן ערוך הרב, הלכות תלמוד תורה, פרק ב, הלכה יג) לייגן צו: "וּלְעָתִיד לָבֹא יִזְכֶּה לְהָבִין וּלְהַשִּׂיג כָּל הַתּוֹרָה שֶׁעָסַק בָּהּ בָּעוֹלָם הַזֶּה וְלֹא הִשִּׂיגָהּ מִקֹּצֶר דַּעְתּוֹ", אויף יענע וועלט ווען דער אייבערשטער וועט לערנען מיט די נשמה, וועט מען זוכה זיין צו פארשטיין אלעס וואס מען האט געלערנט אויף די וועלט אן פארשטאנד.

## זאל ער דיר ווייזן דעם גאנצן שטיקל

איך זאג אלץ פאר בחורים וואס קומען מיר זאגן, אז א חבר אדער א מגיד שיעור האט אים געוויזן אז אין שלחן ערוך הרב הלכות תלמוד תורה (פרק ב, הלכה יג) שטייט דער שיטה פונעם מגן אברהם (אורח חיים סימן

נ, סעיף קטן ב׳) אז מען איז נישט יוצא ביי ׳תורה שבעל פה׳ אויב מען זאגט אן פארשטאנד; ער האט דיר געוויזן א שטיקל שלחן ערוך הרב, זאל ער דיר ווייזן דעם גאנצן שטיקל, מען קען דאך נישט קוקן נאר א האלבע שטיקל, זאל ער דיר ווייזן וואס ער שרייבט דארט דערנעבן (סעיפים י, וי״ג) אז א מענטש זאל כאטשיג איין מאל אין לעבן דורך זאגן די גאנצע תורה אפילו ער פארשטייט נישט, אזוי וועט ער זוכה זיין צו פארשטיין אויבן אין הימל ווען דער אייבערשטער וועט לערנען מיט זיין נשמה.

## כאטש איינמאל די גאנצע תורה

זאג כאטש איינמאל דורך די גאנצע תורה. הייב אן נביאים וכתובים; מען קען ליידער זיין א חסיד׳ישער בחור און א חסיד׳ישער אינגערמאן אן אפילו וויסן די נעמען פון די ספרים, די באקאנטע נעמען ווייסט ער נאך, ווי שמואל, ישעי׳, יחזקאל, אבער ׳תרי עשר׳ ווייסט ער בכלל נישט וואס דאס איז. ער עפנט נישט קיין חומש און משניות און זאגט נאך **דעות אין בית המדרש.**

## דעם אייבערשטנ׳ס זאך

אין די וואכעדיגע פרשה זעען מיר וואס איז דעם אייבערשטנ׳ס זאך; דער פסוק זאגט (שמות לב, טז): ״וְהַלֻּחֹת מַעֲשֵׂה אֱלֹקִים הֵמָּה״, די לוחות זענען די זאך פונעם אייבערשטן, זאגט רש״י: ״**כְּאָדָם הָאוֹמֵר לַחֲבֵרוֹ כָּל עֲסָקָיו שֶׁל פְּלוֹנִי בִּמְלָאכָה פְּלוֹנִית, כָּךְ כָּל שַׁעֲשׁוּעָיו שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בַּתּוֹרָה**״, די גאנצע זאך פונעם אייבערשטן איז די הייליגע תורה. אין ברסלב האט מען אלע יארן געזאגט אויפ׳ן ׳סדר דרך הלימוד׳: ״עס איז נישט דעם רבי׳נס זאך״, ״**עס איז נישט דעם רבי׳נס זאך**״, דא זעט מען וואס איז דעם אייבערשטנ׳ס זאך, לערנען די הייליגע תורה, און דאס איז אויך דעם רבי׳נס זאך, דער רבי האט געוואלט מיר אלע זאלן זוכה זיין צו לערנען די גאנצע תורה, און זיך נישט באגנוגענען מיט אביסל.

## יעדער איינער קען דאס באווייזן

אז מען איז זיך מסדר א סדר וויפיל צו לערנען יעדן טאג קען מען דאס באווייזן, מען קען אין צוויי דריי יאר ענדיגן ׳כל התורה כולה׳! אין ישיבה זענען געווען בחורים וואס האבן אין עטליכע יאר געענדיגט די גאנצע תורה. מאך זיך א סדר, וויפיל בלאט בבלי און וויפיל בלאט ירושלמי דו גייסט לערנען יעדן טאג, אזוי אויך נביאים וכתובים, אלע מדרשים, וכו׳ וכו׳. דאס קען יעדער איינער באווייזן, מען דארף נאר וויסן ווי אזוי דאס צו מאכן, וואס קודם צו לערנען און וואס נאכדעם צו לערנען, אז דו ווייסט נישט אליינס קענסטו פרעגן איינעם וואס ווייסט יא, און ער וועט דיר העלפן.

## יעדן טאג אביסל משניות

דער רבי האט דא געזאגט: ״רָאוּי לָאָדָם, שֶׁיַּעֲבֹר וְיֵלֵךְ בְּזֶה הָעוֹלָם בְּכָל הַסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים, וְלִלְמֹד כֻּלָּם, כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה בְּכָל מָקוֹם״, עס איז גוט פאר׳ן מענטש דורך צו לערנען אלע הייליגע ספרים וואס זענען דא; האט מוהרא״ש געזאגט אז די ערשטע שיעור זאל מען אנהייבן אין משניות, מוהרא״ש פלעגט אלץ זאגן פאר בחורים: **״נעם א משניות און לערן יעדן טאג אביסל משניות, די משניות זאלסטו קיינמאל נישט אפלאזן״**, נאכדעם הייב אן ׳תלמוד בבלי׳ און אזוי גיי ווייטער ביז דו וועסט ענדיגן די גאנצע תורה.

## מיט די צייט אלעס אליינס פארשטיין

איי איך פארשטיי דאך נישט וואס איך לערן? אבער מיין נשמה פארשטייט, אויף יענע וועלט וועל איך אלעס פארשטיין. אויסער דעם זאגט דער רבי קלאר (שיחות הר״ן, סימן עו): ״שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין״, אז מען זאגט אסאך די ווערטער פון די תורה וועט מען מיט די צייט אלעס אליינס פארשטיין.

## א ווייסע מלאך, אן ערנסטער איד...

מען דארף אבער זייער אכטונג געבן, א מענטש וואס ווערט מקורב צום רבי'ן און הייבט אן לערנען פלייסיג, קומט פלוצלינג צו גיין א ווייסע מלאך, אן ערנסטער איד, און הייבט אן זאגן: "זאלסט וויסן, עס איז נישט ממש אזוי...", "עס איז נישט אהער", עס איז נישט אהין", און פלוצלינג הערט דער מענטש אינגאנצן אויף צו לערנען. דאס האבן מיר די וואך אין די סדרה, מיט די מעשה העגל, דאס איז דאך א מורא'דיגע פלא, ווי אין די וועלט קען אזא זאך פאסירן? נאכדעם וואס אידישע קינדער האבן זוכה געווען צו מקבל זיין די הייליגע תורה מיט אזעלכע וואונדער, אלע אידן האבן זוכה געווען צו רוח הקודש - זאלן זיי אראפפאלן און מאכן דעם עגל?! נאר וואס דען, די ערב רב מיט זייערע ווערטער האבן אין איין מינוט אלעס אוועק געמאכט, "עס איז נישט דעם רבי'נס זאך"... און אזוי ווי זיי האבן נישט געהאט דעם צדיק משה רבינו זענען זיי אראפ געפאלן פון די העכסטע דרגות צו די גרעסטע טומאה און געמאכט דעם עגל רחמנא לצלן.

## מען זאל נישט אפלאזן דעם צדיק

מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל נישט אפלאזן דעם צדיק, אזוי ווי רבי נתן זכרונו לברכה זאגט (לקוטי הלכות ברכת הריח הלכה ד, אות לג): "וְכָל זֶה מֵחֲמַת שֶׁמֹּשֶׁה רַבֵּנוּ נִסְתַּלֵּק מֵהֶם אָז וְלֹא הָיָה בֵּינֵיהֶם, עַל כֵּן עִרְבֵּב הַשָּׂטָן אֶת הָעוֹלָם עַד שֶׁעָשׂוּ אֶת הָעֵגֶל", וויבאלד דער צדיק משה רבינו איז נישט דארט געווען, האט דער שטן געהאט די כח צו פארנארן די אידן; ווי הויך מען זאל נאר זיין, מען קען זיין ביים בארג סיני, מען האט נארוואס מקבל געווען די תורה הקדושה, נאכאלץ איז דער מענטש אין א סכנה פון אלעס פארלירן. אזוי ווי מען גייט אוועק פונעם צדיק - איז שוין גארנישט דא, ביז מען ווערט אן עובד עבודה זרה רחמנא לצלן.

## יענער איז מער נישט מעביר סדרה

איינער האט דערציילט פאר מוהרא״ש אז ער האט געטראפן איינעם וואס זאגט אז ער האט זיך אמאל געדריידט אין ׳היכל הקודש׳, האט מוהרא״ש זיך אנגערופן: **״איך קען שווערן מיט א ספר תורה אז יענער איז מער נישט מעביר סדרה״**; מוהרא״ש האט אנגעכאפט די קלענסטע ביישפיל, פון מעביר סדרה זיין, אפילו אזא קליינע זאך טוט יענער אויך נישט, ווייל ער האט אפגעלאזט דעם רבי׳ן האט ער אלעס פארלוירן. מען קען גיין אנגעטון פון אינדרויסן אינגאנצן חסיד׳יש, מיט א שטריימל און בעקעטשע, מען קען עסן געפילטע פיש און טשולנט... אבער אז ער האט אפגעלאזט דעם רבי׳ן, ער האט אפגעלאזט דעם צדיק, האט ער נעבעך גארנישט.

## גרינג ענדיגן די גאנצע סדרה

לאמיר טאקע זען צו פאלגן דער רבי מיט די עצה פון מעביר סדרה זיין; די וואך גייט א לאנגע סדרה, אבער א מענטש וואס איז זיך מסדר, ער נעמט יעדן טאג ארויס די חומש און איז מעביר סדרה אביסל, זונטאג ביז שני, מאנטאג ביז שלישי, דינסטאג ביז רביעי און אזוי ווייטער, קען ער גרינג ענדיגן יעדע וואך די גאנצע סדרה.

## זיך קענען קריגן מיט׳ן יצר הרע

נאכדעם נעם א משניות, לערן איין פרק, וועסטו זען אז דו וועסט זיך קענען קריגן מיט׳ן יצר הרע, עס ברענט אין א מענטש אזעלכע שווערע נסיונות, דארף מען נעמען די עצה וואס דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר״ן, סימן יט): **״וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד״**, אויב וועט א מענטש זיך מאכן א קביעות צו לערנען יעדן טאג, וועט ער סוף כל סוף זיכער ארויס גיין פון זיין

בלאטע, ווייל די כח פון תורה איז אזוי גרויס אז עס נעמט ארויס דעם מענטש פון זיין שלעכטס.

א מענטש וואס שרייט: "איך בין שוין דא אין היכל הקודש, און עס העלפט מיר נישט די אלע עצות, איך ליג נאכאלץ אויף דער ערד", קען נישט זיין אז עס העלפט נישט, זיכער פאלגסטו נישט דעם רבי'ן, פרעג זיך אליינס, "האב איך היינט געעפנט א משניות?" אז דו וועסט לערנען יעדן טאג א פרק משניות - וועסטו זען ווי דו גייסט צוביסלעך ארויס פון דיין שלעכטס, דו וועסט זיך דערזען לערנען יעדן טאג אביסל משניות, גמרא און נאך אנדערע שיעורים, דו וועסט זאגן אביסל תהלים יעדן טאג.

## זיך קענען בארימען אויבן אין הימל

אז מיר וועלן פרובירן צו לערנען יעדן טאג, און ענדיגן 'כל התורה כולה', וועלן מיר זיך קענען בארימען אויבן אין הימל: "איך האב געענדיגט דאס", "איך האב געענדיגט יענץ".

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן פאלגן דעם רבי'ן וועלן מיר זוכה זיין צוצוקומען צו די גרעסטע מדריגות, און מיר וועלן האבן א שיינע לעבן, אמן.

דערנאך האט מען געזינגען דעם ניגון: "שׁוֹשַׁנַּת יַעֲקֹב צָהֲלָה וְשָׂמֵחָה בִּרְאוֹתָם יַחַד תְּכֵלֶת מָרְדְּכָי. תְּשׁוּעָתָם הָיִיתָ לָנֶצַח. וְתִקְוָתָם בְּכָל דּוֹר וָדוֹר. לְהוֹדִיעַ שֶׁכָּל קוֶֹיךָ לֹא יֵבשׁוּ. וְלֹא יִכָּלְמוּ לָנֶצַח כָּל הַחוֹסִים בָּךְ. אָרוּר הָמָן אֲשֶׁר בִּקֵּשׁ לְאַבְּדִי. בָּרוּךְ מָרְדְּכַי הַיְּהוּדִי. אֲרוּרָה זֶרֶשׁ אֵשֶׁת מַפְחִידִי. בְּרוּכָה אֶסְתֵּר בַּעֲדִי. אֲרוּרִים כָּל הָרְשָׁעִים. בְּרוּכִים כָּל הַצַּדִּיקִים. וְגַם חַרְבוֹנָה זָכוּר לַטּוֹב".